# צו מײַן פֿרײַנד

די הענט וואָס געלעגן מאַכטלאָז אין שויס,
נעם זײַ, פֿרײַנד מײַנער, נעם זיי אַרויס.

צײַט אָנצופֿילן דאָס האַרץ איצט מיט מוט,
עס לעבט שוין אויף דאָס ייִדישע בלוט.

נו, וויש אויס די אויגן, גענוג צו קלאָגן,
די כמאַרעס צערינען, עס וועט באַלד טאָגן.

אמת, אין שאָטן און פֿלאַמען וואָס צוקן,
זעט מען נאָך חיות צום טײַוול זיך בוקן.

זע דאָך, זיי ברענען,
זע ווי עס בראָטן,
די יענע וואָס האָבן דעם ייִדן געטראָטן.

די יענע וואָס האָבן
דײַן וווּנד טיף געמאַכט,
פֿאַלן ווי פֿליגן דאָרט אין דער שלאַכט.